# א ליכטיגן תמיד
אודיא

פנים מאירות

אנגעמען דאס לעבן - מיט א רואיגקייט דורך אמונה שלום בטחון און שמחה

## אור הבוקר

טעימה קלה פון די 'ליכטיגע גוט מארגן – אשב"ע' שמועסן
א לך לך תשפ"ב

# וכל בניך לימודי ה'

## מיט אונזער באנעמונג צו אונזערע קינדער לערנען מיר כביכול פארן באשעפער וויאזוי ביך אויפצופירן מיט אונז

כלל הדבר שיראה אדם בכל עבודתו שלא יתכוין רק לעשות נחת רוח ליוצרו. וזהו אמר לו דבריך יהיה בנחת, וכשהבן עושה רצון אביו מפני נחת רוח מתרחבת דעתו של אביו, **וזהו וכל בניך לימודי ה' (ישעיהו נד, יג), שלומדים את ה' לעשות רצונם וחפצם, כמאמר הכתוב צדיק מושל,** ולכן נק' בניך, והלכה נק' מלשון הליכה, וכל השונה הלכות בכל יום שמשנה הליכתו לעלות ממדריגה למדריגה ולהעלות ממדריגה תחתונה למעלה, וזהו שדרשו (שבת קד א) אלף בינה גומל דלים, דלית מגרמיה כלום, וכשמתבונן בהלכה לקשט הכלה בכ"ד קשוטין, וזהו חידושה של לבנה מלשון הילכתא, אזי תקבל אורה מאור השמש המאיר לה.

(מכת"י של הרבי ר' שמעלקי; תורת המגיד נ"ך שיר-השירים)

**תוכן המאמר: וכל בניך לימודי ה'; מיט אונזער באנעמונג צו אונזערע קינדער לערנען מיר כביכול פארן באשעפער וויאזוי זיך אויפצופירן מיט אונז;** די ענין פון חסד איז קיום העולם / וכל בניך לימודי ה – מיר לערנען כביכול פארן באשעפער וויאזוי זיך אויפצופירן מיט אונז / צושפרייטן חסד אויף די וועלט איז קיום העולם / מזמוד להודה הדייעו לה...

### די ענין פון חסד איז קיום העולם

דער הייליגער באשעפער האט צאמגעשטעלט די צוויי פרשיות נח און פרשת לך לך. מיט וואס איז פרשת נח און פרשת לך לך די זעלבע? ווייל אין ביידע לערנט מען ארויס די ענין פון חסד. פרשת נח. דער הייליגער באשעפער האט געזאגט פאר נח, גיי אריין אין די תיבה אויף צוועלף חדשים, און לערן דיך אויס זיך מוסר נפש זיין פאר אנדערע, געבן פאר יענעם נישט

**"דער הייליגער באשעפער האט געזאגט פאר נח, גיי אריין אין די תיבה אויף צוועלף חדשים, און לערן דיך אויס זיך מוסר נפש זיין פאר אנדערע, געבן פאר יענעם נישט נעמען פאר זיך...**

נעמען פאר זיך. דער הייליגער באשעפער האט אים נישט געגעבן קיין שמשים, נישט געגעבן קיין עבדים, אלעס האט נח מיט זיינע קינדער געדארפט טון אליינס. ווייל דער הייליגער באשעפער האט געזאגט פאר נח: די וועלט פון נעמען פאר זיך האט נישט געטויגט, דאס האט געברענגט אלע עבירות, מיר ווילן בויען א וועלט פון זיך מוסר נפש זיין פאר אנדערע, צו זיין א געבער. צוועלף חדשים איז נח געווען א געבער, און נאכדעם איז נח ארויסגעקומען, און אזוי האט זיך געבויט די וועלט.

קומט מען תיכף אן צו די קומענדיגע פרשה, פון לך לך מארצך, וואס דער הייליגער באשעפער האט געזאגט פאר אברהם אבינו, פון דיר גייט זיך אויפבויען א כלל ישראל, די צוועלף שבטים עד סוף כל הדורות, זיי ממשיך, זיי מוסיף, און שטעל אוועק יסודות פון חסד אויף די גאנצע וועלט. דאס איז פרשת נח און לך לך.

דאס ענין פון חסד, לערנט אונז אויס די תורה, אז דאס איז קיום העולם.

**וכל בניך לימודי ה' - מיר לערנען כביכול פארן באשעפער וויאזוי זיך אויפצופירן מיט אונז**

עס ווערט געברענגט אין ספר 'שמע שלמה' בשם רבי אשר פון סטאלין זצ"ל וואס האט איבערגעזאגט בשם זיין רבין רבי שלמה הלוי פון קארלין זצ"ל: עס שטייט 'וכל בניך לימודי ה'', דאס מיינט, וויאזוי א מענטש פירט זיך אויף מיט זיינע קינדער, לערנט ער אויס אז דער הייליגער באשעפער זאל זיך אזוי אויפפירן אויך מיט זיינע קינדער. טאמער א מענטש פירט זיך אויף מיט זיינע קינדער, מיט זיינע תלמידים, מיט זיינע גוטע פריינט, מיט אלע אידן ארום, מיט אהבה, מיט חסד, מיט סבלנות. ווען זיי מאכן א טעות און זיי ווערן נכשל אין א געוויסע פעלער איז ער זיי מוחל, און ער פירט זיך אויף ווייטער כרחם אב על בנים, מיט חסד, מיט טוב, ער איז נישט אזא גברא קפדנא, ער האט נישט קיין קפידות אויף די קינדער, און ער טוט נישט מצער זיין די קינדער. "דעם גיב איך יא, דעם געב איך נישט", ער איז יא ראוי ער איז נישט ראוי. נאר וואס דען? ער האט רחמנות אויף זיינע אייגענע קינדער אדער אויף זיינע תלמידים, און אויף אלע אידן מיט וועם מען מאכט געשעפטן, אדער מיט וועם מען האט שייכות.

זאגט ער: 'וכל בניך', וויאזוי דו פירסט זיך אויף צו דיינע קינדער, 'לימודי ה'',

לערנט זיך אויס דער הייליגער באשעפער וויאזוי זיך אויפצופירן צו די מענטש אליינס אויך.

און ער ברענגט דארט א מעשה. עס איז געווען ביי רבי אשר סטאלינער, זיין קליינע טאכטער האט זייער געוויינט ביינאכט, און דער רבי האט איר בארואיגט און ער האט געשאקלט די וויגעלע אהער און אהין, אז די קינד זאל זיך בארואיגן. די קינד האט זיך בארואיגט, און דער רבי רבי אשר איז ארויס פון צימער, און די קינד האט ווייטער אנגעפאנגן צו וויינען. איז דארט געווען די גבאי, און ער איז געווען זייער בייז אויפן קינד. עס שטערט אזוי דעם רבי'ן, דעם טאטען, ער האט אראפגעלאזט א פראסק פארן קינד, אז דאס קינד זאל אויפהערן וויינען, און געזאגט פארן קינד: "אויב וועסטו נישט אויפהערן וויינען, וועסטו כאפן נאך א פראסק!".

רבי אשר האט געהערט אז די קינד וויינט מער נישט, האט ער געפרעגט פונעם גבאי'ן: "דו האסט עפעס געטון?". האט ער געזאגט: "יא, איך האב געזען אז דער רבי קען נישט לערנען, דער רבי מוטשעט זיך מיטן קינד, האב איך איר געגעבן א פראסק!".

האט רבי אשר געזאגט: "וואס האסטו מיר געטון? איך וועל נישט קענען מארגן דאווענען צום הייליגן באשעפער! איך קען מיר נישט שטעלן מארגן שחרית!".

"וואס איז געשען רבי??!".

זאגט ער: ווייל איך פלעג אלס זאגן פארן אייבערשטן פארן דאווענען: דו ווייסט וואס איז געווען די נאכט, מיין קינד האט געוויינט און מיך געשטערט, און איך האב עס סובל געווען, איך האב עס בארואיגט,

**'וכל בניך', וויאזוי דו פירסט זיך אויף צו דיינע קינדער, 'לימודי ה'', לערנט זיך אויס דער הייליגער באשעפער וויאזוי זיך אויפצופירן צו די מענטש אליינס אויך...**

און עס האט ווייטער געוויינט, איך האב עס ווייטער סובל געווען. ממילא זיי אונז אויך סובל! און אזוי האב איך זיך געשטעלט דאווענען...

וואס וועל איך מארגן זאגן ביי שחרית פארן הייליגן באשעפער? אז מען האט געשלאגן א אידיש קינד? נא, וואס וויל איך, אז דער הייליגער באשעפער זאל שלאגן זיינע הייליגע לעכטיגע אידישע קינדער ח"ו?...

און ממילא האט ער געזאגט פארן גבאי, מען טאר דאס נישט טון, ווייל 'וכל בניך' וויאזוי מיר פירן זיך אויף צו אונזערע קינדער, צו דער הייליגער באשעפערס קינדער, 'לימודי ה'' לערנט

**מען איז געזעצן ביי אונז אין שטוב ביי שלש סעודות, און מען האט געזינגען, און מען האט געזאגט דברי תורה. אונז האבן געהאט א מורא'דיגע שבת!...**

מען אויס פארן הייליגן באשעפער וויאזוי זיך אויפצופירן.

מען פארציילט אז ווען הרה"ק רבי אהרן פון בעלזא זצוק"ל, האט געלערנט תורה און עוסק געווען בעניני עבודת השם, טאמער האט ער אינמיטן געהערט א קינד וויינען, האט ער זיך גלייך אפגעשטעלט און געמאכט זיכער אז די קינד איז רואיג, און עס באקומט אלעס וואס עס דארף באקומען, אז די קינד זאל נישט וויינען. וכל בניך לימודי השם - לויט אונזער הנהגה, לויט וויאזוי מיר פירן זיך אויף, דאס איז די הנהגת הקב"ה כביכול.

**צושפרייטן חסד אויף די וועלט איז קיום העולם**

נח איז געווען טאקע א איש צדיק תמים, אבער ער האט נישט געגוג אויפגעטון פאר זיין דור פאר די מבול, איז געקומען א מבול. דער הייליגער באשעפער האט געזאגט פאר אברהם אבינו: לך לך מארצך, גיי ארויס פון די אלע פלעצער, גיי ארום אויף די וועלט, מאך גרים וגיירות, זיי מפרסם אז עס איז דא א באשעפער, עפן אויף דיינע האטעלן און דיינע מאטעלן, דיין הכנסת אורחים, צושפרייט חסד אויף די וועלט, וואס דאס איז די קיום העולם.

**מזמור לתודה הריעו לה'...**

מיר פארציילן אלס איבער 'פנים מאירות אשב"ש' מעשיות, וואס אידן גיבן אונז איבער. מיר האבן אויך א מעשה... עס איז דא א 'פנים מאירות איד' הרוצה בעילם שמו, וואס האט אונז געריפן תיכף נאך יום טוב מודיע זיין, אז ער האט אין איינע פון די פלעצער וואו מען קען זיך אפרוען, א גרויסע דירה, און ער וויל, מיר זאלן קומען זיך דארט אפרוען. עס איז נאך די הייליגע טעג, מיר זענען דאך אדורכגעגאנגען די שוועריגקייטן מיט די ווירוס, מיט די געזונט, און מען דארף אביסל קומען צו זיך. און ער געבט עס חינם אין כסף. און ב"ה דאס אליין איז א 'מזמור לתודה מעשה', מען דארף נישט באצאלן! א איד האט זיך אליינס אנגעטראגן, מיר האבן נישט געדארפט בעטן, מיר האבן נישט געדארפט צוקומען צו שפירן, אז מען בעט א מענטש א טובה איז דאך עס אביסל שווער, א איד פון זיך אליין האט געטון א חסד, און זיך אנגעטראגן 'קומט אריבער'... מיר זענען טאקע אריבערגעגאנגען, און דער הייליגער באשעפער זאל העלפן, מען זאל קומען צו די כוחות.

נאך מער פון דעם. עס איז געקומען ערב שבת, זאגט דער איד, ער פראבירט אז עס זאל זיין מנין, אבער מען וועט זען

**"היילִיגער באשעפער, אז א איד לעבט אין פנים מאידות, אין אשב"ש, אין מזמור לתודה, מזמור לדוד ה' רועי לא אחסור, אדון עולם, מיט די ריכטיגע אמונה און בטחון אין בורא כל עולמים - קען נישט זיין עס זאל נישט זיין קיין מנין אויף שבת!", און ברוך הוי"ה ברוך הוא, אונז האבן געהאט א שיינע מנין...**

אויב עס וועט זיין מנין... פרייטאג צוויי אזייגער, לאזט ער מעלדן, אז עס זעט נישט אויס אז עס וועט זיין דא מנין. עס קומט אבער שפעטער נאנטער צום זמן, קומט דער איד אריין מיט א מורא'דיגע שמחה: "ברוך ה'! עס איז דא א מנין!". און דער איד האט זיך אוועקגעגעבן א גאנצע שבת, סיי אז די מנין זאל קומען ביי אונז אין שטוב דאווענען, ווען מען קען, און סיי אז די מנין זאל קומען אין בית מדרש ווען מען האט געדארפט קריאת התורה, עס זאל זיין מנין. און דער איד האט געטון אלעס וואס מען קען, אז עס זאל זיין א געשמאקע, חסידישע, ווארימע, אידישע שבת. מען איז געזעצן ביי אונז אין שטוב ביי שלש סעודות, און מען האט געזינגן, און מען האט געזאגט דברי תורה. אונז האבן געהאט א מורא'דיגע שבת!

דער איד האט דערציילט, אז ער האט געזאגט פארן הייליגן באשעפער: "היילִיגער באשעפער, אז א איד לעבט אין פנים מאירות, אין אשב"ש, אין מזמור לתודה, מזמור לדוד ה' רועי לא אחסור, אדון עולם, מיט די ריכטיגע אמונה און בטחון אין בורא כל עולמים - קען נישט זיין עס זאל נישט זיין קיין מנין אויף שבת!", און ברוך הוי"ה ברוך הוא, אונז האבן געהאט א שיינע מנין. אונז גיב מיר ארויס אונזערע געפילן פון הכרות הטוב פאר דער פנים מאירות איד און זיין בני בית, פאר זיינע קינדער, וואס האבן אונז אזוי ארויסגעהאלפן, און העלפן אונז. און בעצם, זיי זארגן פאר די אלע טויזענטער פנים מאירות אידן, אז מען זאל קענען קומען צו די כוחות, און האבן די כוחות צו געבן די שיעורים, צו מזכה זיין כלל ישראל. דאס איז דאך א כח הרבים, א כח הציבור, עס איז נישט אייגענע כוחות, עס איז די כוחות פון די אלע צדיקים.

דער הייליגער באשעפער זאל העלפן, עס זאל זיין אך טוב וחסד, און א לעכטיגן תמיד, אמן כן יהי רצון.

## קול פנים מאירות

ארה"ב: 845-414-0076 /
ענגלאנד: 0330-350-3190 //
ארה"ק: 0-72-370-1823 /
ארגענטינע: 5411-2152-7691
// אנטווערפן: 323-346-0673

## מעשה בחסיד אחד

# "די פאר דאלער וואס דו האסט צאמגעשטעלט, דאס מוזטו ארייגלייגן?! זארג זיך נישט, מען וועט דיר עס נישט באגנב'ענען אזוי שנעל!!"...

עס איז געווען א איד נאכן קריג, ער האט געוואוינט אין ארץ ישראל, ער האט געארבעט אין א באנק.

איין טאג קומט אריין אן עלטערער איד, וואס האט אויסגעקוקט אזוי נישט פון די געזונסטע מענטשן... און ער וויל דארט מאכן - ווי מען רופט עס דא ביי אונז - א 'סעיף דיפאזיט באקס' [עס איז דא אין די באנק אזא פלאץ, וואו מען קען צאלן יעדע חודש געלט, וואו מען קען דארט האלטן זאכן פארזיכערט, בשמירה], ער וויל נעמען אזא קעסטל.

זייער גערן האט ער עס אים געגעבן.

אבער עס האט זיך אנגעהויבן א שווערע ארבעט. דער איד איז געקומען יעדע צופרי, און געעפנט די קעסטל. און ווער עס ווייסט, די באנקירער מוז מיטגיין. ווייל יענער האט א שליסל מיט א נומער, און דער באנקירער האט א שליסל מיט א נומער. צו מאכן זיכער אז מען באגנב'עט נישט, עס איז א דאפלטע שמירה. יעדן צופרי איז ער געקומען, און נאכמיטאג איז ער נאכאמאל געקומען.

דער באנקירער האט זיך זייער געוואונדערט: "פארוואס קומט א מענטש יעדן צופרי, און יעדן נאכמיטאג, צו זיין קעסטל? געווענדליך קומען מענטשן איינמאל א וואך, איינמאל א חודש - יעדן טאג?!".



נא, אבער מען דארף טון וואס מען דארף צוטון.

עס איז געווען איין טאג וואס די

באנק איז געווען צוגעשפארט יענעם טאג, מען האט גענומען אפרו. דער באנקירער זיצט זיך ביי זיך אינדערהיים, די טעלאפאן קלינגט. איינער וויל רעדן צו אים וועגן די באנק. זאגט ער: "ניין, היינט ארבעט איך נישט, איך וויל נישט צו קיינעם רעדן!".

יענער רופט נאכאמאל. ער גייט צו צום טעלאפאן. יענער אויפן אנדערן זייט טרייבל זאגט אים: "איך בין דער איד וואס קומט יעדן צופרי און יעדן נאכמיטאג, איך בעט זיך ברחמים, זאלסט מיר עפענען די באנק!".

זאגט ער: "בשום אופן שבעולם נישט! עס איז היינט אן אפרו טאג, היינט ארבעט נישט א באנק, היינט ועסטו נישט גיין אין באנק! וואס ווילסטו?!".

עס נעמט נישט א פאר מינוט, און דער איד קלאפט אויפן טיר פון זיין שטוב, און ער הייבט אן זיך ממש בעטן ביי דער באנקירער, ער זאל אים עפענען די באנק.

דער באנקירער האט אזויוי חוזק געמאכט, נעבעך, נישט ווייל ער האט געוואלט וויי טון דעם איד, נאר ער האט געשפירט אז יענער טוט אים סתם צעדריקן. דער איד איז געווען איינער וואס פלעגט גיין שטענדיג נאך געלט, האט ער אים געזאגט: "די פאר דאלער וואס דו האסט צאמגעשטעלט, דאס מוזטו אריינלייגן?! זארג זיך נישט, מען וועט דיר עס נישט באגנב'ענען אזוי שנעל!!"...

דער איד האט זיך ממש צעוויינט, און ער האט אים געזאגט: "ווייסטו וואס? איך גיי דיר פארציילן די מעשה!".

זאגט ער אים: "נו, וואס איז די מעשה?!".

זאגט ער אים: ער איז גערעטעוועט געווארן פונעם קריג, און ער איז געווען אין לאגער צוזאמען מיטן סאטמארער רבי זצוק"ל בעל דברי יואל. און ער זאגט, ער איז נישט געווען קיין סאטמארער חסיד, ער האט נישט געוואוסט פונעם רבי'ן זי"ע, אבער ער איז זייער נתפעל געווארן מקדושתו וטהרתו פונעם הייליגן רבי'ן זי"ע, וויאזוי ער האט געטון די עבודת הקודש אינעם לאגער.

איין טאג איז געקומען צו אים איינע פון די גבאים, פון די אידן וואס האבן משמש בקודש געווען דארט ביים רבי'ן זצוק"ל, און געזאגט, אז דער רבי איז זייער צעבראכן און זייער צעקלאפט. וואס איז? ער האט געהאט זיינע תפילין דארטן, און עס איז נעלם געווארן [איך ווייס נישט צו די אידן האבן עס געגנב'עט, צו די קאפוס, צו די דייטשן], די תפילין איז נישט דא! און דער רבי זי"ע איז זייער צאמגעבראכן. און ער איז געוואויר געווארן, אז דער איד האט תפילין דארט אין לאגער. יעדער איינער ווייסט, אז דאס איז געווען סכנות נפשות. און דער גבאי פרעגט פון דעם איד, צו ער קען בארגן די תפילין, ער וועט עס צוריקגעבן.

האט דער איד געזאגט: אוודאי! וואס איז די שאלה?! ער איז געגאנגן אין די באהאלטענע פלאץ, ער האט עס איבערגעגעבן פארן גבאי צו געבן פארן רבי'ן, און ער האט אפגעמאכט מיט אים, אז א פאר שעה שפעטער, ווען ער קומט צוריק, זאל ער עס אים צוריקגעבן.

למעשה האט זיך נישט אויסגעארבעט די זמן, ער איז צוריקגעקומען שפעטער. האט ער געטראכט ביי זיך, ער לאזט עס איבער ביים רבי'ן, זאל דער רבי לייגן תפילין צופרי, און ער וועט שוין נאכמיטאג לייגן תפילין. למעשה די נעקסטן טאג זענען געקומען די דייטשן ימש"ו, און אים אוועקגענומען אין א צווייטן ארבעטס פלאץ.

אין די לאגערן ווען מען האט איינעם אוועקגענומען, האט שוין יעדער געוואוסט, אז ער לעבט שוין נישט, זיי האבן נישט געגלייבט אז איינער קומט צוריק.

דער רבי האט צוריקגעשיקט די תפילין, און מען האט אים נישט געטראפן, און מען איז צוריקגעקומען זאגן פארן רבי'ן אז מען האט אים נישט געטראפן, דאס מיינט, אז לכאורה לעבט ער שוין נישט.

שפעטער איז אויסגעקומען, אז דער רבי האט געדארפט ארויסגיין פון די לאגער, ווייל דעמאלסט האט מען געארבעט אז דער רבי זאל פארן מיט די באן אויף בערגן בעלזן, אויף שווייץ, געראטעוועט צו ווערן. רבי מיכאל בער ווייסמאנדל זצ"ל, מיט די אלע עסקנים האבן געארבעט דעמאלט, און ערלעדיגט די גרויסע באן. און דער סאטמאר רבי ז"ל האט געוואלט איבערגעבן די תפילין פאר די אידן דארט אין די לאגער. ממה נפשך, וועט ער צוריקקומען, וועט מען עס אים געבן. וועט ער נישט צוריקקומען, וועלן זיי עס האבן.

אבער קיינער פון זיי, האט עס נישט געוואלט נעמען. יעדער איינער ווייסט אז אין די לאגערן איז געווען גרויסע סכנות צו האבן תשמישי קדושה, אוןליידער איז נישט געווען דארטן קיין איין איד וואס זאל האבן די שטארקייט און די מסירת נפש. ווער קען דן זיין די צעבראכענע לאגער אידן? ח"ו דער הייליגער באשעפער זאל העלפן, קיינער זאל נישט וויסן.

למעשה, איז דער איד יא געבליבן לעבן. דער הייליגער באשעפער האט געהאלפן ער איז געבליבן לעבן. ער איז ארויפגעגאנגן נאכן קריג אויף ארץ ישראל. עס האט אים אבער זייער געשאדט די קריג. מען האט אים אריינגעלייגט אין א שפיטאל פאר נישט נארמאלע, און שפעטער האט מען אים פארשאפט א דירה דארטן, און ער איז געווען אביסל אין שפיטאל, און אביסל אין זיין דירה, און ער פלעגט ארומגיין נאך געלט.

יארן זענען א דורך. און איין טאג קומט אן א בריוו אין די בית החולים וואו

ער איז געווען, א בריוו פונעם שטוב פון סאטמאר רבי, אז מען זוכט דער און דער איד, און ער האט געהערט אז אפשר איז ער דארט, און זיי ווילן וויסן צו ער איז טאקע דארט. און זיי האבן געמאלדן, יא, ער איז דארט.

עס האט נישט גענומען א פאר טעג און סאטמארער אידן זענען געקומען אים באזוכן, און זיי האבן אים אויך מודיע געווען, אז דער רבי האט געשיקט א טיקעט, אז ער זאל קומען צו אים אויף אמעריקא, ער וויל מיט אים רעדן.

דער איד איז געפארן אויף אמעריקא, און דער רבי ז"ל האט אים אויפגענומען מיט א מורא'דיגע כבוד, מיט ווארימקייט, מיט טרערן אין די אויגן, און אים געגעבן די תפילין. ער האט אים געזאגט: "איך האב אפגעהיטן די תפילין, איך האב דאס נישט פארלוירן, כאטשיג מען האט געזאגט אז דו לעבטס שוין נישט. און איך האב זיך אזוי געפריידט צו הערן אז דו לעבסט. און איך בעט דיך, אלס הכרת הטוב, איך וויל זאלסט דא בלייבן, איך וועל דיך אויסהאלטן, איך וועל דיר געבן אלעס וואס דו דארפסט".

דער איד האט געזאגט: ניין, ער פארט צוריק אויף ארץ ישראל, ער וויל ענדיגן זיין לעבן אין ארץ ישראל.

דער רבי האט אים געגעבן געלט, און אויך געמאכט זיכער דארט אין ארץ ישראל, אז סאטמארע אידן קומען אים כסדר באזוכן, און מאכן זיכער אז ער האט אלעס וואס ער דארף.

ווען דער הייליגער רבי ז"ל איז נפטר געווארן כ"ו אב תשל"ט, איז דער איד זיכער געווען, אז קיינער גייט אים מער נישט אנקוקן. פארציילט דער איד: דערווייל פארקערט, די אידן זענען ווייטער געקומען, און נאכמער געקומען, און געזארגט פאר אים, און זיך מורא'דיג ווארים אפגעבן מיט אים.

איין טאג האט ער באשלאסן, אז ער ציטערט זייער שטארק אז ער ווערט עלטער, אז מען וועט אים אוועק'גנב'ענען די תפילין. און די תפילין איז געווען ביי אים זייער חשוב, תפילין וואס ער האט געהאט אין לאגער, תפילין וואס דער הייליגער סאטמארער רבי האט געלייגט מיט דעם תפילין, און נאך אסאך אידן. האט ער מחליט געווען, ער גייט דינגן א קעסטל אין באנק, און אוועקלייגן דארט די תפילין.

זאגט ער פאר דעם באנקירער: ער לייגט נישט קיין אנדערע תפילין! ער קומט יעדן צופרי נעמען די תפילין, ער גייט דאווענען, און נאכן דאווענען קומט ער צוריק, און לייגט צוריק די תפילין. זאגט ער פאר דער באנקירער: "איך האב נאכנישט געדאווענט היינט, איך בעט דיך, טראג מיך אריין אין באנק, עפען עס אויף, לאמיר נעמען די תפילין, די הייליגע תפילין, איך וויל גיין דאווענען!".

דער באנקירער האט זיך נישט געקענט בארואיגן זיין התרגשות, און דער באנקירער האט מסכים געווען, ער האט אים גענומען אין באנק, און ער האט אים געלאזט ארויסנעמען די תפילין.

די מעשה איז נאכנישט פערטיג...

אזויווי דער באנקירער האט אים יעדן טאג געגעבן די זעקל. שטייט ער דארט און ער קוקט מיט אים, און ער זאגט אים: "איך פארשטיי נישט, דו גייסט דאך נאך געלט, און איך האב פארשטאנען אז דו לייגסט דא אריין די גאנצע געלט וואס דו גייסט נאך געלט, און איך זע ביז דערוויל אז נאר די תפילין ליגן דא. וואו איז די אלע געלט וואס דו גייסט נאך געלט?!".

האט דער איד אים פארציילט, אז אזויווי דער הייליגער באשעפער האט אים געהאלפן אז ער האט זוכה געווען צו האבן תפילין אין די לאגער. ער גייט נישט נאך געלט פאר זיך, די סאטמארע אידן זארגן שוין פאר אים, די שפיטאל זארגט פאר אים. ער גייט נאך געלט, און ער קויפט תפילין פאר די אלע אינגעלעך וואס זיי קומען ארויף נאכן קריג אין ארץ ישראל, סתם אידן פון אלע שטעט, די ספרדים, אלע ארימע צעבראכענע קינדערליך וואס קומען ארויף, און ער געבט זיי תפילין פאר א מתנה, פאר דעם גייט ער נאך געלט. ער גייט נישט נאך געלט פאר זיך! מי כעמך ישראל גוי אחד בארץ!

שפעטער ווען ער איז אוועק פון דער וועלט, האט ער איבערגעלאזט א צוואה, אז די הויז זיינע, זאל גיין פאר די שפיטאל וואס האט אים אזוי שיין באדינט, און אלע איבריגע זאכן געבט ער פאר דער באנקירער.

דער באנקירער איז אזוי נתפעל געווארן פון דעם איד. ער האט טאקע גענומען די תפילין וואס דער הייליגער סאטמארער רבי האט געלייגט, דאס האט ער גענומען פאר זיך. אבער די געלט וואס דער איד האט איבערגעלאזט, האט ער געעפנט א קרן, צו קויפן תפילין פאר אידן וואס זיי קענען נישט קויפן אליינס קיין תפילין.

דאס איז די ענין פון חסד, פאר דעם לעבן מיר אויף די וועלט, דאס איז די תכלית החיים, טון חסד איין איד מיטן צווייטן, און אז א איד געבט זיך אוועק פאר א צווייטן איד, פארשטייט ער וויאזוי זיך אוועקצוגעבן ברוחניות פאר די תרי"ג מצוות און פאר מנהגי ישראל, און פאר תורה עבודה ויראת שמים.

צו ערהאלטן דעם גליון אדער אנדערע גליונות פונעם מערכת שיקט צו:
gilyonospm@gmail.com

# אזר לנתיבתי

## זיך טובל'ן לע"נ א נשמה אדער צדיק; כיצד?

**ווען מען טובלט זיך לע"נ א נשמה, ובפרט לע"נ צדיקים. וויאזוי גייט עס צי, זאגט מען די נעמען פאר מען גייט אריין אין די מקוה, און בשעת מען טובל'ט זיך האט מען אינזין די נעמען? קען מען זאגן די נעמען פון די צדיקים אין די מקוה? אדער בכלל, דארף מען נישט ארויסזאגן, עס איז גענוג במחשבה?**

**די צווייטע שאלה: אויב די האנט איז נישט ריין, וויאזוי פאסט זיך צו טון א טבילה לע"נ א צדיק? אינזין האבן די נאמען פון א צדיק? טובל'ן פאר א צדיק? האבן א מחשבה אדער אפילו ארויסזאגן די נעמען פון צדיקים מיט אומריינע הענט.**

די תשובה איז אזוי: די האנט זענען יא ריין. אין שו"ע (או"ח סימן קנ"ט) זעט מען קלאר, אז טבילת שתי ידיו בבת אחת אין א מקוה פון מ' סאה, איז אזויווי נטילת ידים, און אפילו בעסער ווי נטילת ידים. איינער וואס ער האט נישט קיין ריינע הענט, און ער טינקט איין ביידע הענט אין די מקוה, ווערט ער טהור אזויווי נטילת ידים, און אפילו בעסער ווי נטילת ידים. דאס איז נישט קיין שאלה.

דאס אז מען האט נישט קיין קאפל - אז מען זאגט נישט ארויס די שם השם, איז נישט דא קיין שאלה, מען דארף נישט האבן קיין קאפל בשעת מען איז מתפלל, אדער מען האט אינזין די נשמות פון צדיקים. און בכלל, די אלע כוונות וואס מען האט אין די מקוה, האט מען עס אינזין אן א קאפל, מען טוט נישט אן קיין קאפל. עס זעט אויס, דאס פעלט נישט אויס. דאס איז נאר, ווען מען זאגט דברים שבקדושה, אדער סתם א מענטש דורכן טאג, דארף גיין מיט א קאפל זיך מכניע צו זיין, אבער אין א מקוה, במקום טהרה, במקום מים, פעלט בכלל נישט אויס, נישט קיין בגדים, און עס פעלט אויך נישט אויס א קאפל, מען קען אלעס טון אן א קאפל, אפילו זאגן פסוקים און זאכן, קען מען אויך זאגן, מען לייגט ארויף די האנט אויפן קאפ. אין א מקוה איז א מקום טהרה, און די טהרה קומט, דורך פושט זיין די בגדים, און זיין אין די מים, דאס איז פונקט אזוי ווי אינדרויסן מיט בגדים און מיט א קאפל, איז אין די מקוה אן בגדים און אן א קאפל.

לגבי די שאלה צו מען דארף ארויסזאגן די נעמען פון די נשמות, אדער עס איז גענוג במחשבה - אין די צוואה פונעם הייליגן מנחת אלעזר זצ"ל, ברענגט ער, אז מען זאל אים דערמאנען בשעת מען טובל'ט זיך, און ער שרייבט, איין טבילה זאלן זיי אים אינזין האבן,

ער שרייבט די לשון 'יטבלו נא טבילה אחת במחשבתן' לטובת די טהרה פון זיין נר"ן, און מען זאל דערמאנען זיין נאמען מיט די נאמען פון זיין טאטען, דארטן זעט מען, אז ער רעדט במחשבה. איז בפשטות זעט מען דא פון מנחת אלעזר, אז עס איז גענוג ווען מען האט אינזין די נעמען, מען דארף עס נישט ארויסזאגן מיט די מויל.

טאמער איינער וויל עס ארויסזאגן מיט די מויל, ער קען עס ארויסזאגן אין די מקוה מיט די מויל, א מקוה איז א מקום טהור, א מקוה איז נישט קיין מקום וואו עס איז אומריין, עס איז מטהר, און עס איז א מקום טהרה, מה מקוה מטהר את הטמאים אף הקב"ה מטהר את ישראל, מען קען זאגן די נעמען פון די צדיקים, די נעמען פון די נשמות.

עס קען זיין, אז עס האט מער ענין ווען מען זאגט ארויס די נעמען און נאכדעם טובל'ט מען זיך, ווי במחשבה אליין, כאטשיג דער רבוש"ע, דער בורא כל עולמים, פאר וועם מיר טוען די פעולה, איז נישט קיין נפקא מינה צווישן זאגן און צווישן אינזין האבן, אבער עס קען זיין, אז עס האט אויך א דין ווי תפילה, און תפילה דארף יא זיין בדיבור בפה, אזוי איז די תקנות התפילה. אבער בעצם, פשטות, איז נישט קיין נפקא מינה, און מען זעט נישט צווישן די צדיקים זאלן מאכן א גרויסע ענין צי מען זאגט ארויס די נעמען אדער מען טראכט די נעמען. אז מען טראכט און מען מאכט די טבילה לע"נ, איז אויך גוט, וויבאלד די עיקר יסוד איז, אז איך טו א פעולה טובה פאר די נשמה.

די זעלבע זאך, ווען מען געבט צדקה - אוודאי, עס איז א געוואלדיגע זאך ארויסצוזאגן די לע"נ, עס איז זיכער א בעסערע זאך. אבער אז מען האט אינזין, האט מען יוצא געווען, אפילו מען האט עס נישט ארויסגעזאגט מיט די מויל. און די זעלבע זאך איז, ביים אנצינדן לעכט פאר די נשמות. עס איז א גוטע זאך און א בעסערע זאך ארויסצוזאגן, יעדע זאך וואס מען זאגט ארויס בפה, איז מער דין תפילה, אזויווי ביי תפילה דארף מען ארויסזאגן. אבער אוודאי, אויב מען האט עס געהאט במחשבה, און נישט ארויסגעזאגט בפה, האט עס אויפגעטון לע"נ גרויסע זאכן. הצלחה ברכה וסייעתא דשמיא.

**שאלות פון די וואך:** דארף מען איינלאדענען אויך פרויען צו א סעודת בר מצוה? איך בין א טיפער טראכטער, מיין פרוי איז זייער איבערפלעכליך, עס איז מיר שווער, וואס טו איך? א חבר מיינער אין ישיבה איז א לץ שבלצים, וויאזוי נישט צו ווערן צעקלאפט, און וויאזוי אים צו שעצן? איך ווער נערוועז פון מיינע עלטערן, וויאזוי ארבעט איך מקיים צו זיין די מצוה פון כיבוד אב ואם?

**מען קען הערן די תשובות אויפן ליניע אויף קנעפל: 511.**

די אידישע מאור הפרשה והמועדים
פנים מאירות
דברי תורה על פרשיות השבוע מכ"ק אדמו"ר מפנים מאירות דסיקסא שליט"א

# בטל רצונך מפני רצונו

די וואכענדיגע סדרה הייבט זיך אן, לך לך מארצך וממולדתך ומבית אביך אל הארץ אשר אראך. שטייט אין ספה"ק דברי ישראל פונעם מאדזשיצער זצ"ל א פשט בדרך רמז, 'ארץ' קען מרמז זיין די ענין פון 'רצון', אזוויווי חז"ל (בר"ר ה, ח) זאגן אויפן פסוק (לעיל א י) ויקרא ליבשה ארץ, פארוואס הייסט די יבשה 'ארץ', שרצתה לעשות רצון קונה, וויבאלד עס איז געלאפן צו די טון די רצון פון באשעפער, און וועגן עס איז געלאפן טון די רצון ה', הייסט די יבשה 'ארץ'. און חז"ל (אבות פ"ב מ"ד) זאגן: בטל רצונך מפני רצונו כדי שיבטל רצונו מפני רצונך, א מענטש דארף מבטל זיין זיין אייגענער רצון פאר די רצון ה', כדי דער באשעפער כביכול זאל מבטל זיין זיין רצון פאר די מענטש'ס רצון.

און דאס קומט די פסוק דא מרמז זיין, 'לך לך מארצך', גיי אוועק פון טון דיין אייגענער רצון, 'אל הארץ אשר אראך', און אנשטאט דעם טון די רצון ה', דאס מיינט אז דער מענטש זאל מבטל זיין זיין רצון פארן רצון ה'.

**טו נישט קיין מצוה ווייל דו ווילסט נאר ווייל דאס איז דער רצון ה'**

און מען קען מסביר זיין זיינע ווערטער, בהקדם וואס מען דארף פארשטיין די משנה, בטל רצונך מפני רצונו, לכאורה אונז האבן תרי"ג מצוות, און חז"ל האבן צוגעלייגט פילע מצוות און תקנות און גזירות, און אלעס קומט פונעם באשעפער און מיר דארפן דאס טון, אויב אזוי וועלכע זאך לייגט דא צו דער תנא אז מען דארף מבטל זיין אונזער רצון פארן רצון ה', אפילו אן די משנה מוז מען טון די רצון ה'?

אבער מען קען עס געבן צו פארשטיין, אז אסאך מאל האט א מענטש די זעלבע רצון

ווי דעם אייבערשטנס רצון, דער מענטש וויל איין זאך, און דער באשעפער וויל אויך אזוויי דער מענטש וויל, אויף דעם זאגט אונז דער תנא: בטל רצונך מפני רצונו, זאלסט נישט טון די מצוה ווייל דו ווילסט, נאר זאלסט טון די מצוה ווייל דאס איז די רצון ה', נישט ווייל דו ווילסט, זיי מבטל דיין אייגענער רצון. און דאס מיינט דער דברי ישראל דאס צו מרמז זיין: לך לך, מארצך, גיי אוועק פון דיינע רצונות, טו נישט גארנישט ווייל דו פארשטייסט אז אזוי דארף מען טון, און דו אליינס ווילסט עס שוין טון, נאר 'אל הארץ' דיין רצון זאל זיין 'אשר אראך' מיט א ביטול הגמור אזוי ווי דער אייבערשטער ווייזט אונז צו טון.

און עס שטימט זייער גוט לויט ווי די מפרשים שרייבן, אז אברהם האט שוין געהאט אין פלאן צו גיין קיין ארץ כנען, און ער איז שוין געווען אפילו אינמיטן וועג. אויף דעם האט אים דער הייליגער באשעפער געזאגט אצינד: לך לך מארצך, הער אויף גיין צוליב דיין אייגענער פלאן, ווייל דו האסט אויסגערעכנט אז עס איז גלייך צו גיין יעצט קיין ארץ כנען, נאר זאלסט פון יעצט און ווייטער גיין ווייל דער הייליגער באשעפער וויל אזוי.

**ווען מען איז מבטל די אייגענע רצון פארן רצון ה' ווייזט דער באשעפער א פנים מאירות**

און דורך די ביטול הרצון איז מען זוכה אז דער הייליגער באשעפער ווייזט אונז א פנים מאירות, און מען קען עס מרמז זיין אין פסוק (תהלים קי"א) ישר יחזו פנימו. 'ישר' איז מרמז אויפן באשעפער, אזוויי עס שטייט להגיד כי ישר ה', דער אייבערשטער ווערט אנגערופן 'ישר', ווען א מענטש טוט אלעס פארן אייבערשטן וואס ווערט אנגערופן 'ישר', דעמאלסט 'יחזו פנימו' איז מען זוכה צו זען די לעכטיגע פנים פונעם באשעפער.

און דאס איז די עבודה פון א מענטש אויף דער גשמיות'דיגער וועלט, צו נעמען אלע זיינע נגיעות, רצונות, תאוות, און הנאות, און עס טון אויף אן אופן וואס יעדער מחשבה דיבור און מעשה זאלן זיין משובד פאר עבודת ה'.

*

אויפן פסוק די וואך ואעשך לגוי גדול ואברכך ואגדלה שמך והיה ברכה. שרייבט דער הייליגער אוהב ישראל פון אפטא זי"ע: רש"י שרייבט צוויי פשטים, א. אז דער הייליגער באשעפער האט געבענטשט אברהם מיט א גוטער נאמען מיט געלט און קינדער. ב. אז מען וועט זאגן אלקי אברהם אלקי יצחק ואלקי יעקב. דארף מען צו פארשטיין וואס איז די צווייטע פשט?

זאגט דער הייליגער אפטער רב א מורא'דיגער פשט. די צוויי פירושים זענען באמת א וויכוח צווישן דער יצר הרע מיט אברהם אבינו. דער יצר הרע קומט צו אברהם אבינו און זאגט אים: קוק אהער, דער רבוש"ע האט דיך דא געזאגט מורא'דיגע הבטחות פון קינדער, געלט און א גוטער נאמען. און מיט דעם האט דער יצר הרע אים געוואלט אריינברענגען ער זאל טון די מצוה פון 'לך לך' פאר זיין אייגענער הנאה. אבער אברהם האט אים גוט צוריקגעענטפערט: דבר אחר, עס איז

דא נאך א פשט, מען וועט זאגן אלקי אברהם אלקי יצחק ואלקי יעקב, דאס מיינט, מיר וועלן פארשפרייטן דעם אייבערשטנס נאמען אויף די וועלט, דאס איז די תכלית אנצוקומען אויף ארץ כנען, די תכלית איז, אז איך מיט מיינע קינדער און גאנץ כלל ישראל שפעטער, זאלן מפרסם זיין אז עס איז דא א באשעפער אויף די וועלט. אברהם אבינו האט מיט דעם אוועקגענומען זיין גאנצער נגיעה צו קינדער געלט און א גוטער נאמען.

און אזוי ווי דער אור החיים הק' שרייבט, אז די צדקות פון אברהם אבינו איז געווען, אז טראץ דעם וואס ער האט געהאט די אלע הבטחות, און אפילו ער האט געוואוסט וואס אלץ דער באשעפער וועט אים געבן דערפאר, האט ער דאך געקענט אוועקנעמען די אלע חשבונות, און געגאנגען אזוי ווי עס שטייט אין פסוק: וילך אברם כאשר דיבר אליו ה', אברם איז געגאנגען ווייל דער הייליגער באשעפער האט אים אזוי באפוילן, און נישט ווייל דער באשעפער האט אים צוגעזאגט די אלע הבטחות, דאס לאזט אונז די תורה דא הערן. מה שאין כן ביי לוט שטייט, וילך אתו לוט, און נאכדעם שטייט, ואברם בן חמש שנים ושבעים שנה בצאתו מחרן, שטעלט זיך די קשיא, וואו קומט דא אריין ווי אלט אברהם איז געווען? נאר וואס דען, עס וואלט זיך געקענט דאכטן אז לוט איז אויך געווען אין די מדריגה צו גיין מיט אברהם מיט א ביטול הרצון צום רצון ה'. אויף דעם זאגט אונז די תורה, אז לוט האט געמאכט א חשבון, אז אברהם איז שוין אן אלטער מענטש פון פינף און זיבעציג יאר, און ער האט נאכנישט קיין קינדער, האט ער געוואלט מיטגיין און זיין זיין יורש, וועגן דעם איז לוט געגאנגען, אבער אברהם איז געגאנגען ווייל דער הייליגער באשעפער האט אים געהייסן גיין.

און דאס איז די מדה פון אברהם אבינו וואס האט זיך אויסגעדרוקט: ואנכי עפר ואפר, איך בין גארנישט, איך האב נישט קיין רצונות, נאר איין רצון צו טון די רצון ה'.

❋

פון צדיקים שטייט א משל אויף די בחינה, אז אין די אלטע צייטן איז געווען א גאנגבארע אונטערהאלטונג, אז עס פלעגן זיין אזעלכע 'קונצן-מאכער'ס', און איינע פון די קונצן וואס זיי פלעגן מאכן איז געווען, אז מען האט אויסגעצויגן א שטריק פון איין זייט טייך ביזן אנדערן זיין טייך, און זיי זענען אריבערגעגאנגען דעם טייך אויפן דינעם שטריק. עס פארשטייט זיך, אז בשעת'ן דורכגיין דעם דינעם שטריק האבן זיי געדארפט מצמצם זיין די מחשבה מיט א מורא'דיגע צמצום המח, און זיי האבן בשעת מעשה נישט געקענט טראכטן נישט פון קיין פניות און נישט פון קיין גאות, און גארנישט פון זיך, נאר פון איין זאך, אז זיי זאלן נישט אריינפאלן אינעם טייך, זיי זאלן בלייבן לעבן. אויף אזא מהלך דארף א איד דורכגיין דער וועלט.

אונזער עבודה אויף דער גשמיות'דיגער וועלט איז, צו לעבן אן פניות, אן רצונות, אן התגשמיות. די מח דארף זיין מצומצם נאר צו איין זאך, איך דארף אריבערגיין די וועלט בשלום, מיט אן התקרבות להקב"ה.

❋

עס איז באקאנט די מעשה אויפן הייליגן בעל שם טוב זי"ע, ווען ער איז געווען אויפן וועג קיין ארץ ישראל, און ער איז שטעקן געבליבן אין אינסטאנביל, און ער איז איינגעשטאנען אויף פסח אין די הויז פון א גרויסער גביר מיט זיין טאכטער די צדיקת אדל ע"ה. דער גביר האט שטארק מכבד געווען דעם בעל שם טוב הק'. נאך פסח האט דער בעל שם טוב הק' געפרעגט דעם גביר: מיט וואס זאל איך אייך בענטשן? האט אים דער גביר געזאגט: איך האב נאכנישט קיין קינדער. האט אים דער בעש"ט געבענטשט עס זאל געבוירן ווערן צו אים א בן זכר. און די סיבה פארוואס דער גביר האט נישט געהאט קיין קינדער, ווייל בדרך הטבע האט ער נישט געקענט האבן קינדער. און יעצט אז דער בעל שם טוב הק' האט אים געבענטשט מיט קינדער, האט מען געמוזט משנה זיין די סדר הטבע און מאכן ער זאל קענען האבן קינדער. איז דעמאלסט ארויס א כרוז מן השמים, אז דער בעש"ט האט פארלוירן זיין חלק אין עולם הבא. האט זיך דער הייליגער בעש"ט זייער געפריידט, און ער האט געזאגט: ברוך ה', פון יעצט און ווייטער וועל איך קענען דינען דעם באשעפער אן קיין פניות, בלתי לה' לבדו. און ער האט געזאגט פארן גביר: איך האב נישט געוואוסט אז דו קענסט נישט האבן קיין קינדער בדרך הטבע, אבער אז איך האב שוין צוגעזאגט וועסטו זיכער געבוירן א בן זכר.

על כל פנים זעט מען פון די מעשה, אז די גרעסטע שמחה ביים בעש"ט הק' איז געווען, ווען ער איז צוגעקומען צו אזא מצב אז ער האט שוין מער נישט קיין נסיון פון קיין פניות, ער קען שוין דינען דעם אייבערשטן אן קיין פניות. פארשטייט זיך אז שפעטער איז ארויס א כרוז אז וועגן ער האט מקבל געווען די פסק מיט אזא שמחה פאר דעם אליין וועט ער באקומען א חלק אין עולם הבא.

## טון די מצוות אפילו ווען מען באקומט דערפאר גהינם

מען זאגט נאך פונעם גאון רבי ישראל סאלאנטער זצ"ל, אז ער האט געזאגט: אפילו אויב דער מענטש וועט באקומען גיהנם אויף די מצוות, און גן עדן אויף די עבירות, וואלט מען אויך געדארפט לויפן טון מצוות. מיט דעם האט ער ארויסגעברענגט, אז מיר טוען נישט די מצוות אלץ די שכר, און אונז האלטן זיך נישט אפ צו טון אן עבירה אלץ די גיהנם. מיר טוען די מצוות לשם שמים, און מיר טוען נישט קיין עבירות לשם שמים, ווייל אונז ווילן התקרבות להקב"ה.

## טון מצוות נאר פאר די רצון ה' האט א ספעציעלער חשיבות

עס איז באקאנט די מעשה פונעם גרויסער צדיק דער בעל צדקה וואס מיר האבן שוין פארציילט אין די מנוחה שלימה שיעורים באריכות (פרק ט"ז עמ' תר"י; און מיר ווילן עס מעתיק זיין פון דארט):

עס איז געווען א איד אין איינע פון די שטעטליך אין גאליציע-פולין, מיט'ן נאמען ר' נפתלי. ער איז געווען א גרויסער עוסק בצרכי ציבור, ער איז געווען דער גבאי צדקה פונעם שטאט. יעדער איינער פארשטייט, אז זיין א גבאי צדקה איז זייער א שווערע ארבעט, עס קומען צו אים קלאפן אלע צובראכענע

מענטש'ן. ער דארף ארום גיין נאך געלט, דער ווארפט אים ארויס, דער לאזט אים נישט אריין. דער שרייט אים אן: "יעצט קום נישט!"... און אזוי ווייטער און ווייטער. זיין ארבעט איז געווען צו זיין פריילך און פריילך מאכן אנדערע מענטשן, אונטערצוקויפן די עשירים, בארויגן די ארעמעלייט. צו יעדער נצרך און יעדער עושר רעדן זייער שפראך וואס זיי דארפן.

איין טאג ביי נאכטמאל, ר' נפתלי זיצט מיט זיינע קינדער ביים טיש אינדערהיים. פארשטייט זיך אז ביי אים אינדערהיים האט ער געלעבט ווי אן ארימאן, מען זאל אים ח"ו נישט חושד זיין אז ער ניצט צדקה געלט פאר זיך. די קאסע איז געווען אנגעפילט, ער האט צוזאמגעקליבן זייער שיין געלט פון די גאנצע בני קהילה, יעדער האט געגעבן שיין, ער האט געשפירט אמת'דיג אז ער האט געהאט זייער א מוצלח'דיגע טאג. און ער דאנקט דעם באשעפער אויף די אלע חסדים טובים. ער קען העלפן אידן מיט צדקה, די אלע עשירים וואס געבן אים געלט, יעדער אין די גאנצע שטאט האט אים ליב, און יעדער איז אים מכבד, קיינער האט נישט אויף אים קיין טענות. ער איז באמת געווען אין א פרייליכע מצב.

אין די שטאט איז געווען א מלמד ר' שרגא, וואס איז נישט לאנג צוריק, א יאר צוויי פריער, געווארן א מלמד אין די שטאט. דער מלמד קלאפט פלוצלונג אויפן טיר. ר' נפתלי עפנט אים אויף: "קומט אריין ר' שרגא! וואס מאכט איר? דא האט איר א ווארימע טיי. וואס קען איך אייך העלפן ר' שרגא?". ער איז דאך געווען אזא פרייליכע לעבטיגע מענטש.

דער ר' שרגא הייבט אן אזוי ציטערדיג: "לא איש דברים אנכי..." און ער קוקט אזוי אראפ אויף די ערד מיט אן אראפגעבויגענע קאפ. עס איז דא א מצב ביי אים אין שטוב, וואס האט אים ממש געצווינגען צו קומען צו ר' נפתלי. ר' נפתלי פרעגט אים מיט מיטגעפיל: "וואס האט פאסירט?". דערציילט ער אז, זיין רביצין, שוין א פאר וואכן וואס זי פילט נישט גוט רח"ל - אלע אידן זאלן גוט פילן - און עס קאסט אים אפ אוצרות מיט געלט, ער דארף ברענגען דאקטורים, קויפן מעדיצינען, זארגן פאר עסן און קליידונג. און חוץ מזה, קען ער נישט ארבעטן אלץ מלמד געהעריג, ער דארף געבן צו עסן פאר די קינדער. "ר' נפתלי, העלפט מיר! העלפט מיר!". ער בעט זיך ר' נפתלי זאל אים העלפן. דער גבאי צדקה, ר' נפתלי'ס הארץ, איז אויסגעגאנגען. ער מוז העלפן דעם ר' שרגא.

ר' נפתלי הייבט אן טראכטן ביי זיך, וואס זאל ער טוהן? די אלע געלט וואס ער האט יעצט אין די קאסע, האט ער שוין אויסגע'חשבונ'ט פאר די עניים פאר וועם ער גייט עס אויסטיילן, עס איז שוין דא א פונקטליכע חשבון, יעדע זאך איז שוין צוטיילט. די ארימעלייט ווארטן שוין אויף דעם. די אלע צדקה-נעמער'ס ווייסן אז עס גייט קומען. ער האט נישט קיין איבעריגע פרוטה צו געבן פאר ר' שרגא. אבער ווי קען מען אפזאגן א צובראכענע איד?

זאגט ער פאר ר' שרגא: "ווייסט איר וואס? מסכים! ערלעדיגט!". אינעם זעלבן טאג איז ער ארומגעגאנגען נאכאמאל אין די זעלבע שטאט, נאך געלט, פאר דעם ר' שרגא. ער האט פארשטאנען אז עס וועט זיין

מענטש'ן, עשירים, בעלי בתים, וועלכע וועלן שרייען אויף אים: "ביסט יעצט דא געווען, שוין קומסטו נאכאמאל?! מען קען נישט אזוי יעדן טאג קומען!!". מענטשן וועלן האבן טענות, מען וועט אים מבזה זיין. ער האט אבער מחליט געווען, עס גייט אים נישט אן, ער האט א הארץ, ער מוז העלפן דעם איד, יעבור עלי מה, זאל זיין וואס זאל זיין.

ער איז ארומגעגאנגן אין די גאנצע שטאט, און דער הייליגער באשעפער האט געהאלפן, ער האט טאקע צוזאמגעשטעלט א מורא'דיגע סכום פאר דעם ר' שרגא, ער האט אים געגעבן די גאנצע געלט.

ביינאכט, ער איז שוין געווען גוט אפגעמוטשעט פונעם שווערן טאג. די ערשטע האלב טאג האט ער געארבעט אויף די קאסע וואס ער האט געהאט. די צווייטע האלב טאג איז ער ארומגעגאנגן נאך געלט פאר ר' שרגא, און ער האט מורא'דיג מצליח געווען, געדאנקט דעם אייבערשטער. ער וויל זיך שוין גיין לייגן. און  מען קלאפט אויף די טיר.

"ווער איז דארט?"

א איד קומט אריין.

"ווער זענט איר?".

פארציילט ער אים: ער הייסט - לאמיר זאגן - ראובן. דער רב פון א דערנעבענדיגער שטעטל האט אים געשיקט, ער זאל קומען רעדן צו ר' נפתלי.

"יא! קומט אריין!". מיט א שמייכל, כאילו זיין טאג הייבט זיך יעצט אן. ווי ער האט היינט נאך גארנישט געארבעט. ער איז דאך א 'סבר-פנים-יפות מענטש', ער גיבט אים א טיי...

"וואס מאכט איר?".

הייבט ער אים אן זאגן. "ר' נפתלי איר מוזט העלפן, איר מוזט ראטעווען!". און דער איד הייבט אן וויינען, און ער ווייזט א בריוו פונעם רב פון דעם שטאט, און ער לייגט אראפ א ביטערע שווערע מצב, ער דארף שוין האבן א גרויסע סכום געלט. דער גבאי צדקה ר' נפתלי, האט געשפירט ממש, ער ווייסט נישט וואס צו טוהן. ער האט נישט קיין געלט אין די קאסע, ער איז שוין היינט געגאנגען נאך געלט, ער איז שוין געגאנגען נאכאמאל נאך געלט, עס איז נישט מעגליך ארומצוגיין נאכאמאל דא אין שטאט. אבער וויאזוי קען מען ארויסשיקן א צעבראכענער איד פון שטובּ? ביז ער גיבט זיך א כאפ, און זאגט: "אה! וועלן מיר גיין צו מאטקע!".

עס איז געווען א איד אין שטאט, וואס מען האט אים גערופן 'מאטקע דער שיכור'. ער איז געווען א זוהן פון א גרויסע עושר, און ער אליין האט אויך געהאט אסאך געלט, נאר ער איז געווען א שיכור. ער איז געזעצן א גאנצן טאג אין די קרעטשמע, און געטרינקן, גע'שיכור'ט. און דער ר' נפתלי האט מחליט געווען, היינט גייט מען פון אים ארויסשלעפן אן אוצר פון געלט.

ער איז געגאנגען אין קרעטשמע אריין, און דער שיכור איז טאקע געזעצן און געטרינקן. ער הייבט אים אן מסביר צו זיין, מען וויל דא ראטעווען א איד, א משפחה. ער הייבט אים אן מסביר זיין די גרויסע שכר

עולם הבא, און אויף די וועלט. ער פרובירט אים אויפצועפענען די הארץ מיט מורא'דיגע ווארימע ווערטער. און דער טרינקט אזוי, א גלעזל נאך א גלעזל, און ער הערט אים אויס, און לאכט. דער ר' נפתלי זאגט: "מאטקע מאטקע! איך בעט דיר! העלף דעם איד, האב רחמנות! עפן אויף דיין הארץ".

זאגט אים מאטקע: "וואס ווילסטו?".

"געלט!"

"געלט? וויפיל געלט ווילסטו?".

זאגט ער: "300 רובל. מען דארף ראטעווען דעם איד!".

הייבט ער אן לאכן אזוי הויעך: "300 רובל?... ווייסטו וואס? איך האב פאר דיר א תנאי, אויב דו וועסט מקיים זיין דעם תנאי, באקומסטו 300 רובל אויפן פלאץ!".

וואס איז די תנאי וואס מאטקע וויל? די גאנצע עולם איז זיך צוזאמגעלאפן הערן וואס איז די תנאי וואס מאטקע וויל, פארן טיילן צדקה. ער זאגט אים אזוי: ער גייט אים ברענגן קליידער פון א גלח, און דו נפתלי, וועסט עס אנטוהן, וועסט ארומגיין אין די גאנצע שטאט, און אונז דא פון די קרעטשמע, די אלע שיכורים, וועל מיטגיין מיט דיר, און אונז וועלן זינגען הויעך, און די גאנצע שטאט וועט זיך אויפוועקן, און זיי וועלן עפענען די פענסטער'ס, און זיי וועלן זעהן ווי ר' נפתלי גייט מיט גלח'ישע קליידער. אזוי ווי דו ענדיגסט דורכגיין יעדע גאס פון שטאט, גיב איך דיר די 300 רובל!

ר' נפתלי האט נישט געוואוסט אויף וועלכע וועלט ער איז. די יצר טוב און יצר הרע האבן אנגעפאנגען רייסן פון אים שטיקער. א גלח'ס קליידער? ווי מעג מען דאס טוהן? ער וועט פארשעמט ווערן אין די גאנצע שטאט? זיין משפחה. זיין ווייב און קינדער? כבוד התורה? כבוד השכינה? פון די אנדערע זייט האט מתגבר געווען די מחשבה: צו מציל זיין א איד איז ער גרייט אויף אלעם! פארלירן עולם הבא מיט עולם הזה! בזיונות! פארלירן זיין פאסטן! עס גייט אים נישט אן! ער קען יעצט ראטעווען א איד!

ער זאגט: "מאטקע! ברענג די קליידער!".

מען האט געברענגט די קליידער, און די שיכורים האבן אים ארומבאגלייט, דער עולם האט זיך אויפגעוועקט און געקוקט ביי די פענסטער'ס, און נישט געוואוסט וואס דא גייט פאר. וואס איז געשעהן מיט דעם ר' נפתלי? ער איז משוגע געווארן? וואס איז מיט אים געשעהן? אנדערע האבן געשריגן: "פוי!". אנדערע האבן ארויסגעווארפן זאכן פון די פענסטער. אנדערע האבן געשריגן: "שגץ!". אנדערע האבן געשריגן: "רחמנא ליצלן נפתלי! מען דארף אים לייגן אין חרם!". עס איז געווען לעבעדיג.

אבער אזוי ווי ער האט געענדיגט די נסיעה, האט אים מאטקע געגעבן די 300 רובל. און ער האט עס גלייך געגעבן פאר דעם איד. "דא האט איר פרייליכע איד!". און דער איד האט נישט געהאט קיין ווערטער צו באדאנקען, ער האט ממש געפילט ער האט אים געראטעוועט זיין לעבן, מיט זיין משפחה.

דער נפתלי, ווען ער האט געענדיגט, האט ער געזאגט: "רבוש"ע! דו ווייסט איך האב עס נאר געטוהן צו העלפן א איד. פאר מסירת נפש. דער איד איז פון דיינע קינדער. און איך בין פון דיינע קינדער. העלף מיר איך זאל עס קענען דורכמאכן. עס זאל זיין א קידוש כבוד שמים".

די קומענדיג'ן טאג, די גאנצע שטאט איז אויף רעדער. דער הייליגער צאנזער רב קומט באזוכן דעם שטאט. די גאנצע עולם האט זיך אנגעטוהן בגדי שבת. צוגעשפארט אלע געשעפטן, שמיד'ער'ס, שוסטער'ס, וואסער-שעפער'ס, יעדער איינער איז געגאנגן זעהן, דער הייליגער צאנזער רב.

צאנזער רב ווייזט, ער וויל גיין אין די און די הויז. ער שטעלט זיך אפ פארנט פונעם הויז פון ר' נפתלי. און צאנזער רב רופט זיך אן, ער שפירט דא א ריח פון גן עדן, א ריח פון קדושה. "קלאפט אויפן טיר, פרעגט דעם איד צו מען קען אריינקומען!". ר' נפתלי גיבט א עפן אויף די טיר, און ער גיבט א קוק, נישט מער און נישט ווייניגער, דער הייליגער צאנזער רב מיט די גאנצע פמליא, שטייט ביי זיין טיר?! צאנזער רב זאגט אים: "איך שפיר דא א מורא'דיגע ריח, איך וויל זאלסט מיר ווייזן פון וואו די ריח קומט!". ער זאגט: "רבי קום אריין, און דער רבי זאל מיר ווייזן!". דער הייליגער צאנזער רב קומט אריין אין זיין דירה, ער גייט צו צו א געוויסע שאפע, און ער ווייזט: "דארט! ברענגט ארויס וואס דארט ליגט!". און פון דארטן נעמט ער ארויס די גלח'ישע קליידער, וואס ביינאכט איז ער ארומגעגאנגן די גאנצע שטאט. ער הייבט אן וויינען. דער הייליגער צאנזער רב פרעגט אים: "וואס איז די מעשה פון די קליידער?". ער פארציילט אים די גאנצע מסירת נפש וואס ער האט געהאט צו ראטעווען א אידיש קינד, און צוזאמנעמען צדקה. האט זיך דער הייליגער צאנזער רב אנגערופן: "יעצט פארשטיי איך שוין די סיבה, צו די מורא'דיגע ריח, וואס איך האב געשפירט!". און דער הייליגער צאנזער רב האט ארומגענומען דעם נפתלי. און ער האט אים געזאגט: "די קליידער וועלן עפענען פאר דיר די טויערן פון גן עדן. זאלסט שרייבן אין דיין צוואה, אז מען זאל די קליידער אוועקלייגן נאך די 120 יאר, אין די קבר אריין. ווייל דאס וועט זיין פאר דיר א שמירה!". וכך הוה, לאחר מאה ועשרים פון דעם ר' נפתלי, האט מען אים באגראבן און אריינגעלייגט די גלח'ישע קליידער אין זיין ארון.

נאך די ערשטע וועלט'ס קריג האט מען געדארפט מפנה זיין, אויסליידיגן די בית הקברות פון די שטאט, ווייל די רעגירונג האט געסטראשעט אז זיי גייען דארט מאכן א בריק, און אויפגראבן אלע קברים. האט מען שנעל אויפגעגראבן אלע קברים און עס אריבערגעפירט צו אן אנדערע בית הקברות. צווישן אלע קברים האט מען אויפגעעפנט א קבר, און מען האט געטראפן דארט א נפטר, גאנץ אן קיין שום פארפוילטקייט, פריש! און נעבן דעם ליגן קליידער פון א גלח, און מען האט מברר געווען אז דאס איז דער ר' נפתלי גבאי צדקה.

די פשט פון די מעשה איז, אז ער האט געטון די מצוה גענצליך לשם שמים אן קיין שום נגיעה, און אפשר אפילו פארקערט, ער האט נאך געהאט גוטע חשבונות פארוואס

נישט צו טון די מעשה, אלץ חילול השם וכדומה, אבער ער האט נישט געקוקט אויף דעם בכלל. און דאס האט א געוואלדיגער חשיבות אויבן אין הימל, דער הייליגער באשעפער וויל מיר זאלן מבטל זיין אונזער רצון פארן רצון ה'.

ווען דו זיצט און עסט די סעודת שבת, און דו האסט הנאה דערפון, עס איז געלונגען די מאכלי שבת, עס איז טאקע געשמאקע עסן, און דו ווילסט עסן די עסן ווייל עס איז געשמאק, אבער פון די אנדערע זייט איז דא א מצוה צו עסן די סעודה אלץ עונג שבת, געוואוין זיך צו, צו עסן די סעודה נאר אלץ די מצוה, אלץ די רצון ה', דאס זאל זיין די אינערליכע רצון פונעם מענטש אליין. דאס האט א געוואלדיגער חשיבות (ועי' אריכות נפלאה בספר אהל יעקב להמגיד מדובנא ריש פרשתן בזה הענין).

## די עיקר נסיון פון די עקידה איז געווען עס צו טון נאר פאר די רצון ה'

ביי די עקידה האט די מלאך געקומען זאגן פאר אברהם אבינו ע"ה: אל תשלח ידך אל הנער ואל תעש לו מאומה, אברהם זאל נישט צורירן צו יצחק, זאגן חז"ל (מובא שם בפירש"י) אז אברהם אבינו האט געוואלט מאכן א קליינעם שניט און ארויסנעמען בלוט, און דער אייבערשטער האט אים נישט געלאזט, אל תעש לו מאומה, טו אים גארנישט! וואס איז געווען די עיקר און די שפיץ נסיון פון די עקידה? שטייט אין מלבי"ם, אז די עיקר נסיון איז געווען, צו אברהם אבינו וועט עס מאכן אן קיין שום פניות, אן קיין שום מחשבות זרות.

בשעת די ערשטע חלק פון די נסיון, ווען אברהם אבינו האט נאך געמיינט אז ער וועט דארפן שעכטן יצחק'ן, איז נישט געווען קיין שווערע עבודה עס צו טון לשם שמים, פארקערט, צו האבן נגיעות איז געווען זייער שווער. אבער ווען דער באשעפער האט אים באפוילן ער זאל נישט שעכטן, נאר ער זאל אראפנעמען יצחק פון די מזבח, דא וואלט שוין אברהם אבינו געקענט אריינגיין אין א גרויסע שמחה: "אה, ברוך השם, מיין איינציג געליבט קינד וועט בלייבן לעבעדיג!". דא איז שוין געווען א גרויסער נסיון אז ער זאל זיך האלטן שטארק, אז דאס, אז יצחק איז געבליבן לעבעדיג איז נאר ווייל דאס איז די רצון ה', די נסיון איז געווען אז ער זאל נישט אריינגיין אין א פערזענדליכע אייגענע שמחה, נאר זיין שמחה זאל זיין ווייל אזוי האט דער הייליגער באשעפער באפוילן יעצט, און ער טוט עס ווייל דאס איז דער רצון ה'.

לויט דעם קען מען מפרש זיין די ווערטער פונעם מלאך: כי עתה ידעתי כי ירא אלקים אתה, וואס איז די ראיה? ווייל דאס איז 'לא חשכת' האסט נישט געשאכטן דיין זון, איז נישט געווען ווייל עס איז 'בנך יחידך', ווייל עס איז דיין איינציג קינד און דו ווילסט אים נישט שעכטן, נאר ווייל דאס איז געווען די רצון ה'. אזוי איז דער מלבי"ם מסביר די נסיון.

די תורה איז מעיד אז אברהם האט זיך געשטארקט אויף דעם שווערן נסיון, אז ער זאל לאזן לעבן יצחק נאר ווייל דאס איז דער רצון ה'. דעמאלסט האט אברהם אבינו געבעטן ער וויל מאכן א קליינעם שניט, האט אים דער באשעפער געזאגט ניין! אפילו א

קליינעם שניט זאלסטו נישט מאכן, זאלסט בלייבן מיט די נסיון אן צו טון גארנישט. יצחק וועט בלייבן גאנצט און לעבעדיג אן קיין שום שניט און אפילו הכי וועסטו נישט הנאה האבן גארנישט קיין אייגענע הנאה נאר צו טון די רצון ה', און דאס איז געווען די שווערסטע נסיון פאר אברהם אבינו, און ער איז עס בייגעשטאנען.

### שכר ועונש איז תלוי אין די כוונה פון לשם שמים

עס שטייט אין מדרש: צוויי האבן געטון די זעלבע זאך, אברהם און איוב, אברהם האט געזאגט: חלילה לך מעשות כדבר הזה להמית צדיק עם רשע, עס איז נישט די דרך ה' צו הארגענען א צדיק און א רשע, אזוי האט אברהם אבינו געזאגט ווען ער האט פראבירט צו ראטעווען סדום. איוב האט געזאגט (איוב ט כב): אחת היא על כן אמרתי תם ורשע הוא מכלה, דער הייליגער באשעפער פארלענדט א צדיק מיט א רשע, חלילה וחס! און אברהם האט באקומען שכר, און איוב אן עונש. דארף מען פארשטיין די מדרש.

לויט ווי מיר שמועסן יעצט קען מען עס מסביר זיין, אז אברהם אבינו, ווען ער האט געזאגט, חלילה לך מעשות כדבר הזה, האט ער עס געזאגט מיט א מסירת נפש, רבוש"ע! אויב עס איז דא אפילו איין צדיק אין סדום, וועט דאך זיין א גרויסער חילול ה', און פון די אנדערע זייט וועט ארויסקומען א גרויסער קידוש ה' אויב מען וועט ראטעווען סדום צוליב די צדיקים. קומט אויס אז ער האט עס געזאגט לשם שמים. משאי"כ איוב, האט געמיינט זיך, ער האט געהאט יסורים, און ער האט שוין נישט געהאט קיין כח אויסצוהאלטן, קומט אויס אז ער האט געטראכט פון זיך.

לערנט מען ארויס פון די מדרש, אז מען קען זאגן די זעלבע ווערטער, אבער אויב מען האט אינזין לשם שמים, באקומט מען שכר, און אויב מען טראכט פון זיך באקומט מען אן עונש.

### די עיקר נסיון פון פארשיקן ישמעאל איז געווען צו מבטל זיין זיין אהבה צום רצון ה'

דער אור החיים הק' זאגט א מורא'דיגע זאך, שרה האט געבעטן פון אברהם אבינו: גרש את האמה הזאת ואת בנה, פארטרייב דעם דינסט מיט איר זון, וירא הדבר מאוד בעיני אברהם על אודות בנו, עס האט זייער שטארק ווי געטון פאר אברהם, ער האט ליב געהאט ישמעאל, עס איז דאך געווען זיין זון. און וואס האט אים דער הייליגער באשעפער געזאגט? אל ירא בעיניך על הנער, דער באשעפער האט אים נישט אנגערופן 'בנו', נאר 'הנער'. און שפעטער שטייט, וישכם אברהם בבוקר ויקח לחם ויתן אל הגר ואת הילד, אברהם אבינו האט אים שוין נישט אנגערופן בנו, נאר 'הילד'.

איז דער אור החיים הק' מסביר, אז דער אייבערשטער האט אים געזאגט: דו רופסט אים אן דיין זון? ער איז נישט דיין זון, כי ביצחק יקרא לך זרע, נאר יצחק הייסט דיין זון, נעם אוועק פון אים דעם נאמען 'בן', דער אייבערשטער האט אים גערופן 'נער' ער איז נישט דיין זון. גלייך ווען אברהם אבינו האט פארשטאנען אז דאס איז דער רצון ה', האט

אברהם אבינו מצמצם געווען זיין גאנצער אהבה, 'ואת הילד וישלחהו', ער האט אוועקגענומען די גאנצע ליבשאפט וואס א טאטע האט צו א זון, און ער איז געווארן ווי סתם א קינד, ער איז מער נישט מיין זון! דאס איז געווען די גרויסע כח פון אברהם אבינו. קומט אויס, אז נישט די עצם אוועקשיקן איז געווען די נסיון, נאר די מהלך וויאזוי ער האט אים אוועקגעשיקט, אז ער האט אוועקגענומען די ליבשאפט פון די טיפעניש פון זיין הארץ, דאס איז געווען די נסיון, און אברהם אבינו איז בייגעשטאנען אין די אלע נסיונות.

און דאס איז די מוסר השכל אין אלע דורות, דער הייליגער באשעפער, אלקי אברהם, און אונז זעמיר די קינדער פון אברהם, אונז דארפן ארבעטן אויף די הייליגער עבודת ה', במחשבה דיבור ובמעשה, צו לייגן אלע נגיעות אין א זייט, און טון יעדער זאך נאר ווייל דאס איז די רצון ה'.

❋

מען פארציילט אז א בנן של קדושים איז אמאל געקומען צום הייליגן שינאווער רב זי"ע, און ער האט אים געזאגט, אז מען האט אים אנגעטראגן די טאכטער פון איינע פון די גרויסע אדמורי"ם פאר א שידוך פאר זיין זון, און ער וויל זייער שטארק שליסן דעם שידוך, ער איז גרייט צו צאלן אסאך געלט דערפאר, אבער די פראבלעם איז, אז די צווייטע צד איז נאך מסופק אין דעם, בעט ער פונעם שינאווער רב זאל שרייבן א המלצה בריוו, און דורך דעם וועט מען בעזר ה' ענדיגן דעם שידוך.

האט דער שינאווער רב געזאגט ער איז מסכים, און ער זאל צוריקקומען מארגן, וועט ער אים געבן א המלצה בריוו. די קומענדיגער טאג, ווען ער איז אריינגעגאנגן צום שינאווער רב, האט אים דער שינאווער רב גזעאגט: איך האב זיך מתבונן געווען, אז יעדער מענטש האט זיך זיין דרך וויאזוי ער מאכט שידוכים, און מען דארף זיך משדך מיט זיינס גלייכן, שטיפ נישט צו דעם שידוך, גיי זיך עפעס וואס איז פאסיג פאר דיר, און די אנדערע צד וועט זוכן עפעס וואס איז פאסיג פאר זיי, און ווער בין איך איך זאל זיך אריינמישן צווישן די ביידע צדדים.

האט יענער געפרעגט: רבי איך פארשטיי נישט, דער רבי איז מזלזל אין מיינע הייליגע זיידעס? און נאך מער, דער רבי האט מיר נעכטן געזאגט אז ער וועט מיר געבן א המלצה בריוו?!

האט אים דער שינאווער רב געענטפערט: קוק איך האב שוין געשריבן דעם בריוו, און פארקערט, נעכטן האב איך דיך גארנישט אפגערעדט, ווייל איך האב חושש געווען אפשר האב איך נגיעות און עצלות, ווייל איך האב נישט קיין געדולט צו שרייבן דעם המלצה בריוו, דעריבער האב איך קודם געשריבן א שיינעם המלצה בריוו, אבער יעצט נאכן שרייבן די בריוו, און איך ווייס שוין קלאר אז איך האב נישט קיין נגיעות, זאג איך דיר, אז איך וויל זיך נישט אריינמישן אין ענקערע געשעפטן, דאס זאג איך שוין אן קיין נגיעות.

און דאס איז פשט פון די ווערטער פונעם הייליגן קאצקער זי"ע: עס שטייט אין די משנה: וכל מעשיך יהיו לשם שמים. אפילו די לשם שמים דארף אויך זיין לשם שמים! דאס איז א גרויסע עבודה וואס א מענטש דארף טון דא אויף דער וועלט, און דאס וויל דער אייבערשטער פון אונז, און דאס לערן מיר זיך ארויס פון די פרשיות.

## פרנסה פון אן ערליכער איד האט א דין פון תשמישי קדושה

מיר וועלן מסיים זיין מיט א ווארט פונעם דברי ישראל. חז"ל זאגן, אם אין קמח אין תורה,

קומט אויס אז די פרנסה פון די לומדי תורה האט א דין פון תשמישי קדושה, ווייל דורך דעם קענען זיי לערנען און דינען דעם אייבערשטן. אזוי ווי חז"ל זאגן סוף קידושין, והם לא נבראו אלא לשמשני ואני נבראתי לשמש את קוני, א איד וואס לערנט תורה און ער פירט זיך אויף ערליך איז משמש דעם אייבערשטן, אויב אזוי האט זיין פרנסה א דין פון תשמישי קדושה.

און מיט דעם טייטשט ער די פסוק אין די וואכענדיגע סדרה: ומלכי צדק מלך שלם הוציא לחם ויין, א תלמוד חכם וואס ברענגט פרנסה, והוא כהן לא-ל עליון, זאגט דער תרגום, והוא משמש קדם א-ל עלאה, די פרנסה פון די וואס לערנען תורה, איז משמש די לומדי תורה, האט ער א דין פון תשמיש קדושה.

קומט אויס, אז דער וואס לערנט תורה און פירט זיך אויף ערליך, סיי ווען ער לערנט סיי ווען ער איז עוסק אין פרנסה איז ער א משמש פונעם אייבערשטן, ער טראכט גארנישט פון זיך, ער טראכט נאר פונעם אייבערשטן, נאר פון גוטע זאכן, פון מצוות און מעשים טובים, וואס ער וועט טון מיט די געלט וואס ער פארדינט. און בשעת ער ארבעט רעכנט ער אויס אלע הלכות וואס זענען שייך אין די פלאץ וואס ער ארבעט אז עס זאל שטימען מיט די תורה, און ער לעבט מיט די תורה, און ער דינט דעם אייבערשטן מיט די תורה, ער איז מבטל זיינע רצונות הגשמיות, און ער פירט זיך אויף ווי עס באדארף צו זיין, דעמאלסט העלפט אים דער באשעפער אז זיינע געלטער זענען תשמישי קדושה, און זיינע קינדער וואס עסן פון די געלטער ווערן געהייליגט, זיין הויז ווערט הייליג, זיינע כלים וואס ער קויפט מיט די געלט זענען הייליגע כלים.

פארשטייט זיך אז מען דארף זיך היטן נישט צו קויפן מיט די געלט קיין טמא'נע כלים, און עס נישט צו ניצן פאר קיין טמא'נע צוועקן, פאר זאכן וואס שטערט חלילה וחס די קדושה, ח"ו צו ניצן תשמישי קדושה פאר זאכן וואס זענען די היפך פון קדושה וטהרה.

דער הייליגער באשעפער זאל העלפן, אז אונז אלע זאלן זוכה זיין צו דינען דעם באשעפער מיט אן אמת, במחשבה דיבור ובמעשה, מען זאל זוכה זיין אראפצונעמען אלע נגיעות פון אונזער הארץ, און מקיים זיין די ביטול צום רצון ה', אין דעם זכות זאל דער הייליגער באשעפער אונז בענטשן מיט בני חיי ומזוני רויחי, געזונט פרנסה נחת, ערליכע אידישע לעכטיגע דורות, השפעות טובות ברוחניות ובגשמיות, מיט קדושה וטהרה, מתוך מנוחת הנפש, שלוות הנפש, מנוחה ושמחה אור ליהודים, מיט זאלן האבן די ריכטיגע מוחות, די ריכטיגע כוחות אנצוגיין אין עבודת ה', מיט מיר וועלן זוכה זיין לביאת גואל צדק במהרה דידן אמן.




לקבל הגליון ושאר גליונות מהמערכת יפנו:

gilyonospm@gmail.com